**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**אין לויף פון קלימאט וואך, אנאנסירט גאווערנער האקול הויפט גרינע ענערגיע אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו קרעפטיגן ניו יארק סיטי מיט ווינט, סאָלאַר און היידראָ-ענערגיע פון אפסטעיט ניו יארק און קאנאדע**

***נייע טראנסמיסיע ליניעס וועלן שאפן אומגעפער 10,000 פאמיליע-אויסהאלטבארע דזשאבס איבער׳ן סטעיט און ברענגען 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועסטירונגען, אריינגערעכנט דעוועלאפער-פארשפראכענע אינוועסטירונגען צו שטיצן אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס***

***רעדוצירט דער שטאט׳ס אנגעוויזנקייט אויף פאָסיל-ברענשטאף, נידעריגע קארבאן עמיסיע, און באדייטנד פארבעסערט לופט קוואליטעט און פובליק געזונטהייט***

***פארשנעלערט פארשריטן איבערצושטייגן ניו יארק׳ס ציל איינצושאפן 70% פון דער סטעיט׳ס עלעקטרישע ענערגיע פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 אויף א וועג צו א זערא-עמיסיע גריד***

אין לויף פון קלימאט וואך האט גאווערנער האקול אנאנסירט צוויי הויפט גרינע ענערגיע אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו קרעפטיגן ניו יארק סיטי מיט ווינט, סאָלאַר און היידראָ-ענערגיע פראיעקטן פון אפסטעיט ניו יארק און קאנאדע. אויב באשטעטיגט, וועלן די אינפראסטרוקטור פראיעקטן שאפן אומגעפער 10,000 פאמיליע-אויסהאלטבארע דזשאבס איבער׳ן סטעיט און ברענגען 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועסטירונגען, אריינגערעכנט דעוועלאפער-פארשפראכענע אינוועסטירונגען צו שטיצן אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס, וועלכע וועלן נאכ׳ן פארענדיגן העלפן פארשנעלערן דער סטעיט׳ס עקאנאמישע ערהוילונג פון קאוויד-19. דער אנאנסמענט וועט העלפן רעדוצירן דער שטאט׳ס אנגעוויזנקייט אויף פאסיל-ברענשטאף, נידעריגערע קארבאן עמיסיע און באדייטנד פארבעסערן לופט קוואליטעט און פובליק געזונטהייט אין אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס און אין דער זעלבער צייט פארשנעלערן פארשריטן איבערצושטייגן ניו יארק׳ס ציל פאר 70 פראצענט פון דער סטעיט׳ס עלעקטרישע ענערגיע צו קומען פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 אויפ׳ן וועג צו א זערא-עמיסיע גריד ווי אויסגעלייגט אין דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט (קלימאט אקט).

"ניו יארק׳ס קאמיוניטיס שטייען אויס כסדר ערנסטע תוצאות אלס רעזולטאט פון די חורבנות אנגעברענגט דורך דער אלוועלטליכער קלימאט קריזיס, און עס איז נאך קיינמאל נישט געווען קיין גרעסערע ריזיקע בשעת מיר באשעפטיגן זיך מיט די עקאנאמישע און ענווייראנמענטאלע חורבנות וועלכע די עקסטרעמע וועטער געשעענישן האבן איבערגעלאזט נאך זיך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די טראנספארמירנדע פראיעקטן זענען א געווינס פאר יעדן -- ליפערן טויזנטע נייע גוט באצאלטע דזשאבס לענגאויס דעם סטעיט און צוציענדיג ביליאנע דאלארען אין פריוואטע אינוועסטירונג. זיי העלפן אונז אויך איבערמישן דעם בלאט אויף ניו יארק סיטי׳ס לאנג-אנגעהאלטענער אנגעוויזנקייט אויף פאסיל-ברענשטאף און וועט פארזיכערן אז מיליאנען ניו יארקערס, איבערהויפט די וועלכע וואוינען

אין אונזער מערסט באדערפטיגע קאמיוניטיס, קענען האפן אויף ריינערע לופט און א געזונטערע צוקונפט."

דער היינטיגער אנאנסמענט ווערט אונטערגעהויבן דורך ניו יארק סיטי׳ס באשטעטיגונג אז זיי וועלן זיך אנשליסן אין די מערקווירדיגע אויסטיילונגען. דאס ערמעגליכט די גרויסקייט פון די אויסטיילונגען, און אין דער זעלבער צייט שאפן די געלעגנהייטן פאר ביליאנען דאלארען אין געלט-שפארונגען פאר קאסטומערס אין ניו יארק סיטי און איבער׳ן סטעיט.

"דאס איז א טראנספארמירנדע מאמענט פאר ניו יארק סיטי׳ס קאמף קעגן קלימאט ענדערונג," **האט געזאגט ניו יארק סיטי מעיאָר ביל דע-בלאַזיאָ.** "צוויי נייע טראנסמיסיע ליניעס וועלכע באהעפטן ניו יארק סיטי צו עלעקטרישע ענערגיע פון וואסער, ווינט, און סאלאר וועלן שאפן טויזנטער גוטע יוניאן דזשאבס, פארבעסערן די באפעסטיגטקייט און פארלעסליכקייט פון אונזער ענערגיע קוועלער, און דראמאטיש רעדוצירן אונזער אנגעוויזנקייט אויף אויל און גאז עלעקטריציטעט וואס פארפעסטיגט די לופט אין אונזערע געגנטער און שטעלט אין געפאר דעם פלאנעט. א דאנק אייך גאווערנער האקול און NYSERDA פאר זייער צוזאמענארבעט, און מיר קוקן ארויס אויף צו ארבעטן מיט זיי אינאיינעם נאענטערהייט זיך אנצושליסן אין דער באדייטנדע געשאנק און אויספילן אונזער פארשפרעכונג צו קרעפטיגן ניו יארק סיטי רעגירונג אפעראציעס מיט 100% ריינע און באנייבארע עלעקטריציטעט ביז 2025."

קאמבינירט, וועלן די אויסגעטיילטע "קליען פּעטה נ.י." (CPNY) פראיעקט, אנטוויקלט דורך "פאָרווערד פאַווער" (א שותפות׳דיגע אונטערנעמונג פון "אינווענערדזשי" און "ענערדזשי-רי") און דער ניו יארק פאווער אויטאריטעט, און שאַמפלעין הודסאָן פאַווער עקספרעס (CHPE) פראיעקט, אנטוויקלט דורך "טרענסמישען דעוועלאפערס אינק." (מיט די שטיצע פון "בּלעקסטאָון") און הײדראָ-קוועבעק וועט:

- פראדוצירן אומגעפער 18 מיליאן מעגאַוואַט-שעה׳ן פון אפסטעיט און קאנאדישע רעניועבל ענערגיע פער יאר, גענוג אויף צו באקרעפטיגן איבער 2.5 מיליאן הײמען;
- רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 77 מיליאן מעטריק טאן איבער די קומענדע 15 יאר, דאס גלייכן פון אראפנעמען א מיליאן קארס פונ׳ם ראוד; און
- צושטעלן 2.9 ביליאן דאלער אין געזונטהייט בענעפיטן איבער 15 יאר וואס וועט רעזולטירן פון רעדוצירטע אויסגעשטעלטקייט צו שעדליכע פארפעסטיגונגען—אריינגערעכנט ווייניגער עפיזאדן פון קראנקהייטן און פריצייטיגע טויט, ווייניגער טעג פארפעלט פון סקול אדער ארבעט, ווייניגער צושטערונג פון ביזנעס, און נידריגערע געזונטהייט קעיר קאסטן.

צייגן דער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן די פראיעקטן וועט שאפן הויך-קוואליטעט פאמיליע-אויסהאלטבארע דזשאבס פאר ניו יארקערס. די אויסגעטיילטע פראיעקטן וועלן אריינעמען גייענדע וועידזש באדינגונגען פאר אלע ארבעטער וואס זענען באשעפטיגט מיט קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן פארבינדן מיט דער קאנסטרוקציע פון די פראיעקטן. אין צוגאב וועלן די פראיעקט וועלאפערס זיין פארלאנגט צו פירן א משא ומתן אויף פראיעקט לעיבאר אפמאכן צווישן זייערע קאנסטרוקציע קאנטראקטארס און א געביידע און קאנסטרוקציע האנדל ארבעט ארגאניזאציע וועלכע פארטרעט געניטע ארבעטער פאר דער קאנסטרוקציע פון די נייע ווידערבאנייבארע ענערגיע באשאפן רעסורסן וואס די דעוועלאפערס און אירע אפיליאטן בויען פאר דעם פראיעקט אין ניו יארק סטעיט.

CPNY און CHPE וועלן אינוועסטירן אומגעפער 460 מיליאן אין קאמיוניטי בענעפיט געלטער צו שאפן מהלכים צו גרינע ענערגיע דזשאבס,שטיצן פובליק געזונטהייט, אוואנסירן קאפיטאל פארבעסערונג פראיעקטן, רעאליזירן דאס אויפריכטן בעלי-חיים-וואוין-ערטער, און פארבעסערן די ענווייראנמענטאלע עפעקטן פון די געביידעס אין אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס.

**NYSERDA פרעזידענט און סי-אי-או דאָריען מ. האַריס האָט געזאָגט,** "איצט צו אינוועסטירן אין די הויפט ווידערבאַנייבאַרע ענערגיע אינפראַסטרוקטור פּראַיעקטן וועט אונטערהייבן דער סטעיט׳ס עקאָנאָמישע ערהוילונג אין דער צייט וואָס ניו יאָרקערס דאַרפן עס געוויס האָבן, און וועט פאַרשנעלערן אונזער פאָרשריט אין צושטעלן ריינע, באַפּעסטיגטע, ווידערבאַנייבאַרע ענערגיע צו עטליכע פון דער סטעיט׳ס מערסט געדעכטיג-פּאַרפּעסטיגט און אונטערסערווירטע קאַמיוניטיס. אונטער גאווערנער האָקול׳ס פירערשאַפט ניצט ניו יאָרק יעדעס מיטל וואָס עס קען, אַריינגערעכנט די באַאיינפלוספולע גרויס-פאַרנעמיגע באַנייבאַרע און אינפראַסטרוקטור פּראָגראַם, צו פאַרשנעלערן אונזער פאָרשריט צו דערם סטעיט׳ס לאַנד-וועגווייזיגע קלימאַט און ריינע ענערגיע צילן און אין דער זעלבער צייט אויסניצן די ענערגיע קראַפט פון ווינט, זון, און וואַסער צו טרייבן פּריוואַטע אינוועסטירונג, עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, און דזשאָב שאַפונג לענגאויס דעם סטעיט."

**"הײדראָ קוועבעק" סי-אי-או סאָפי בראָכו און "טרענסמישען דעוועלאָפּערס" סי-אי-או דאָן דזשעסאָם האָט געזאָגט,** "מיר זענען אַלע פאַרעהרט אַז הײדראָ-ענערגיע פון קוועבעק, געליפערט איבער אונזער אויטאָריזירטער, פול-אונטערערדישע, קאָנסטרוקציע-גרייט טראַנסמיסיע פּראַיעקט איז אויסגעוועהלט געוואָרן זיך אַנצושליסן אין אַנדערע וויכטיגע באַנייבאַרע פּראַיעקטן אין דער צייט וואָס דער סטעיט און סיטי אַרבעטן אויף צו דערגרייכן זייערע קלימאַט מאַנדאַטן. מיר קאָמענדירן גאווערנער האָקול און NYSERDA פאַר זייערע ריינע ענערגיע פירערשאַפט און מיר קוקן אַרויס אויף גיך צו ליפערן דער פּראַיעקט׳ס ריזיגע ריינע ענערגיע בענעפיטן און נייע דזשאָבס צו דעם סטעיט. מיר זענען טיף דאַנקבאַר פאַר די פילע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, ענווייראָנמענטאַלע אויפזעהער און מוניציפּאַליטעטן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע האָבן געשטיצט דעם פּראַיעקט."

**"קליען פּעטה נ.י." פירער דזשעף בלאַו פון "ענערדזשי-רי", מייקל פּאַלסקי פון "אינווענערדזשי", און גיל ס. קוויניאָנעס פון דער ניו יאָרק פּאַוער אויטאָריטעט האָט געזאָגט,** "׳קליען פּעטה נ.י.׳ איז דער מערסט-באַדייטנדע יו-עס ווידערבאַנייבאַרע ענערגיע אינפראַסטרוקטור אינוועסטירונג אין דעם יאָרהונדערט און אַ קענצייכנדיגער פּראַיעקט פאַר די אַוואַנסירונג פון ריינע ענערגיע אין ניו יאָרק -- איינס וואָס וועט דראַמאַטיש רעדוצירן קאַרבאָן עמיסיע, ברענגען גרינע דזשאָבס לענגאויס דעם סטעיט, גיבן וויכטיגע ענווייראָנמענטאַלע יוסטיץ בענעפיטן און פונדאַמענטאַל ענדערן דעם אופן אויף וועלכע אונזער סטעיט איז באַקרעפטיגט. צוזאַמפּאָרן אינאָווירנדע ווינט, סאָלאַר, סטאָרעדזש פּראַיעקטן מיט טעכנאָלאָגיש פאָרגעשריטענע טראַנסמיסיע צו ברענגען ריינע ענערגיע דירעקט צו ניו יאָרק סיטי, "קליען פּעטה נ.י." וועט זיין אַן אמת׳ע טראַנספאָרמירנדע רעניוּעבל ענערגיע פּראַיעקט. מיר דאַנקען גאווערנער האָקול פאַר איר פירערשאַפט און NYSERDA פאַר זייער צוזאַמענאַרבעט, און מיר קוקן אַרויס צו ליפערן "קליען פּעטה נ.י." פאַר דער בענעפיט פון אַלע ניו יאָרקערס."

די פּראַיעקטן זענען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר קאָנטראַקט פאַרהאַנדלונגען אַלס טייל פון דער ניו יאָרק סטעיט ענערגיע אויספאָרש אַנטוויקלונג און אויטאָריטעט׳ס (NYSERDA) טייל 4 רעניוּעבל ענערגיע צוציען אַרויסגעגעבן אין יאַנואַר. אייגמאָל ענדגילטיג אָוועקגעשטעלט וועט NYSERDA אַריינגעבן צו פאַרהאַנדלטע קאָנטראַקטן פאַר די אויסגעטיילטע פּראַיעקטן צו ניו יאָרק׳ס פּובליק סערוויס קאָמיסיע פאַר׳ן נעמען אין באַטראַכט און באַוויליגונג. אויב דער טייל 4 קאָנטראַקט ווערט באַוויליגט, וועלן NYSERDA באַצאָלונגען אונטער דער אויסטיילונג זיך נישט אָנהייבן פאַר יעדע פּראַיעקט באַזונדער ביז דער פּראַיעקט וועט האָבן אייגעשאַפט אַלע באַזונדערע פּערמיטס און אָרטיגע באַוויליגונגען, ווערט געבויעט, און ליפערט ענערגיע קראַפט צו ניו יאָרק סיטי, וועלכס איז ערוואַרטעט זיך אָנצוהייבן אין 2025 פאַר CHPE און 2027 פאַר CPNY.

דורך אַוואַנסירן די סטעיט׳ס באַמיאונגען צו שאַפן אַ מער פאַרלעסליכע און באַפּעסטיגטער עלעקטרישע גריד, וועלן די פּראַיעקטן אויך העלפן צו שאַפן אַ מאָדערנע טראַנסמיסיע סיסטעם פּעאיג צו ליפערן די צוגעגעבענע פּייפּליין פון רעניוּעבל עלעקטריציטעט צו הויכע פאַרלאַנג ערטער אין דאַונסטעיט ניו יאָרק.

CPNY׳ס 174 מייל טראנסמיסיע ליניע וועט לויפן פון דער "פרעיזער" סובסטאנציע אין דעלעווער קאונטי צו דער רעיני סובסטאנציע אין קווינס, אויסניצנדיג אן אונטערערדישע קעיבל ניצנדיג עקזיסטירנדע "רייטס אוו וועי", וועלכס וועט לינדערן פאטענציעלע ארטיגע קאמיוניטי באטערעפונגען, פארמיידן סענסיטיווע בעלי-חיים-וואוין-ערטער לענגאויס דער הודסאן טייך, און זיין מער באפעסטיגט ווי איבער-ערדישע אלטערנאטיוון וועלכע שטייען אויס די געפארן פון שווערע וועטער און סעקיוריטי דראונגען. CHPE איז אן ערלויבטע 339 מייל באגראבענע קעיבעל, סיי אונטער׳ן-ערד און סיי אונטער׳ן-וואסער, טראנסמיסיע ליניעס וועלכע לויפן פון "הײדראָ-קוועבעק׳ס" ווינט און הײדראָ-פּאַווער רעסורסן אין דער פראווינץ פון קוועבעק ביז דער עסטאריע ענערגיע צענטער אין קווינס און האט איינגעפירט בעסטע מענעדזשמענט פראקטיק צו פארמיידן, מינימיזירן און לינדערן ענווייראנמענטאלע שאדן, אריינגערעכנט תוצאות אויף סענסיטיווע סארטן בעלי חיים און פלאנצונגען און זייערע וואוין-ערטער. א מאפע פון די טראנסמיסיע ליניעס קען מען געפונען דא.

א סטעיט וועט פארזעצן צו באטאנען און פארבעסערן באשעפטיגונג מיט די קאמיוניטיס וואו דער פראיעקט ווערט אנטוויקלט. NYSERDA טוט אנבאטן רעסורסן און אומזיסטע טעכנישע הילף צו העלפן ארטיגע רעגירונגען פארשטיין וויאזוי צו פארוואלטן פאראנטווארטליכע ריינע ענערגיע אנטוויקלונג אין זייערע קאמיוניטיס, אריינגערעכנט טריט-ביי-טריט אנווייזונגען און מיטלען אויף דאס איינפירן פון ריינע ענערגיע, אריינגערעכנט צו ערלויבן פראצעסן, פראפערטי שטייערן, זיצן, זאונינג, און נאך.

אויב באוויליגט, וועט דער CPNY און CHPE פראיעקטן וועלן צוגעבן צו ניו יארק׳ס עקזיסטירנדע באפעסטיגטע פייפליין פון גרויס-פארנעמיגע רעניועבל ענערגיע, געשאפן דורך 100 סאלאר, לאנד-באזירטע ווינט און ים-באזירטע ווינט פראיעקטן אין סך הכל פון 11,000 מעגאוואטס פון ריינע ענערגיע -- גענוג צו באקרעפטיגן איבער פינף ניו יארק מיליאנען וואוינונגען ווען פארענדיגט. דער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט ארויסצובויען נייע גרינע ענערגיע טראנסמיסיע, געפירט דורך 250 מייל פון נייע הויפט אפגרעידס שוין אונטערוועגנס לענגאויס דעם סטעיט און פארשטערקערט דורך דער אויסטיילונג וועט ערמעגליכן פאר׳ן איצטיגן פייפליין פון רעניועבל ענערגיע צו באקרעפטיגן באלד 60 פראצענט פון ניו יארק׳ס עלעקטריציטעט פון רעניועבל ענערגיע נאכ׳ן אנהייבן די אפעראציעס.

**סענאטאר טאַד קאַמינסקי האט געזאגט,** "דער הײנטיגער אנאנסמענט דורך גאווערנער האקול איז ווידער נאך א שפיל-פארענדערנדע שריט צו פארזיכערן אז ניו יארק וועט טרעפן צו די צילן אויסגעלייגט אין קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט. דורך רעדוצירן ניו יארק סיטי׳ס אנגעוויזנקייט אויף פאסיל-ברענשטאף, וועלן די פראיעקטן זיין בעסער פאר אונזער ענווייראנמענט און אונזער געזונט. זיי וועלן אויך שאפן טויזנטער אויסהאלטבארע און גוט באצאלטע דזשאבס -- צעמענטירנדיג ניו יארק אלס א פירער אין דער נייער גרינע עקאנאמיע."

**סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "איך שטיץ פולקאם די צוויי הויפט גרינע ענערגיע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס ווערט פרעזענטירט דורך גאווערנער האקול און NYSERDA. עס איז וויכטיג אז דער סטעיט זאל ווייטער אנהאלטן צו אינוועסטירן אין איניציאטיוון וועלכע וועלן רעדוצירן קארבאן עמיסיע, און אין דער זעלבער צייט פארבעסערן די לופט קוואליטעט אין אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס. דער איניציאטיוו וועט שאפן צוטריט צו גוט באצאלטע דזשאבס און אין דער זעלבער צייט ארבעטן צו גרייכן אונזער ריינע ענערגיע צילן. אלס דער פארזיצער פון דער ענערגיע און טעלעקאמוניקאציעס קאמיטע ווייס איך אז די פראן וועלן פארזעצן צו העלפן ניו יארק סטעיט ווייטער פארזעצן זייער פירערשאפט אין ריינע ענערגיע."

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט האט געזאגט,** "דער הײנטיגער אנאנסמענט דורך גאווערנער האקול איז א וויכטיגע טריט פאראויס בשעת מיר אדרעסירן די תוצאות פון קלימאט ענדערונג. די אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלן ליפערן ווידערבאנייבארע ענערגיע פון ווינט, סאלאר, און הײדראָ-

עלעקטרישע באשאפן און רעדוצירן שעדליכע גרינהויז גאז ארויסלאז צו דערגרייכן די ריינע ענערגיע צילן פון דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט."

**"עלייענס פאָר קליען ענערדזשי ניו יארק" עקזעקיוטיוו דירעקטאר ען רעינאלדס האט געזאגט,** "גאווערנער קעטי האקול׳ס דערהייטערנדע אנאנסמענט וועגן גריד אינוועסטירונגען היינט, קאמבינירט מיט ניו יארק אנטשלאסנקייט צו אָף-שאָר ווינט און אינער-שטאטישע סאָלאַר, וועט ערנסט טראנספארמירן וויאזוי ניו יארק סיטי ווערט באקרעפטיגט. רעניועבל ענערגיע איז דער הויפט שליסל צו קלימאט אקציע, און מיר אפלאדירן איבערהויפט טראנסמיסיע פראיעקטן וואס שטיצן די קאנסטרוקציע פון נייע ווינט און סאָלאַר פראיעקטן אין אפסטעיט ניו יארק. מיט אזעלכע שריטן ווייזט די פירערשאפט אין ניו יארק פאר דער רעשט פון דער יו-עס וויאזוי קלימאט באשיצונג קען אויסזעהן."

**ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען וואוטערס פרעזידענט דזשולי טיגהע האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער קעטי האקול און NYSERDA פאר שטעלן אין גאנג קלימאט וואך דורך אוואנסירן אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס וועט פארשנעלערן דער טראנזיציע צו ריינע ענערגיע פאר ניו יארק׳ס גרעסטע ענערגיע לאדנס טאשן. אייערע אקציעס וועלן פארשנעלערן אן ענדערונג צו רעניועבל ענערגיע וואס וועט נישט העלפן באקעמפען דער קלימאט קריזיס נאר אויך צושטעלן העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג אין ערטער וואס טרעפן נישט צו פעדעראלע לופט קוואליטעט סטאנדארטן, און קאמיוניטיס באלעסטיגט דורך פארפעסטיגנדע ענערגיע קראפט קוועלער."

**REBNY פארזיצער דאָגלעס דורסט און פרעזידענט דזשעימס וועהלאן האט געזאגט,** "אדרעסירן אונזער קלימאט קריזיס נעמט דרייסטע אבער דורכגעטראכטע שריטן. ערפאלגרייך רעדוצירן קארבאן עמיסיע אין ניו יארק סיטי וועט נישט זיין מעגליך אן דאס אגרעסיווע ארויסשטעלן פון באנייבארע ענערגיע-שאפן און טראנסמיסיע. היינט האבן גאווערנער האקול און NYSERDA גענומען דרייסטע אבער דורכגעטראכטע שריטן צו מאכן ניו יארק א לאנד- וועגווייזיגע פירער אין דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג."

**דער אינטערנאציאנאלע ברודערשאפט פון עלעקטרישע ארבעטער (IBEW) אינטערנאציאנאלע פארטרעטער עדווין היל דזר. האט געזאגט,** "דער אינטערנאציאנאלער ברודערשאפט פון עלעקטריש ארבעטער (IBEW) פון ניו יארק אפלאדירן ניו יארק סטעיט און NYSERDA׳ס באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט ענדערונג און צו באשיצן עקזיסטירנדע ארבעטער סטאנדארטן און צו פארזיכערן אז באטראפענע און אומפארגינציגסטע קאמיוניטי באשעפטיגונג מיט דער "טיער 4" - ניו יארק סיטי רעניועבל ענערגיע RFP. דער "טיער 4" וועט שפילן א קריטישע ראלע אין טרעפן צו די סטעיט׳ס קלימאט לעגיסלאציע, דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט, וועלכס פארלאנגט אז ניו יארק׳ס ענערגיע סופליי זאל זיין 70% קארבאנלאז ביז 2030. די נאכקומענדע פראיעקטן וועלן גיבן טויזנטער גוט-באצאלטע, קאריערע שטאפל דזשאבס פאר ניו יארק׳ס איינוואוינער לענגאויס דעם סטעיט און איינשפריצן ביליאנען דאלארען אין ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע און אין דער זעלבער צייט שטארק פארבעסערן דעם ענווייראנמענט פאר אירע בירגער. דער IBEW קוקט ארויס צו שפילן א העכסט-נויטיגער ראלע אין פארזיכערן ערפאלג פון דער ערשטראנקיגער איניציאטיוו."

**"בילדינג ענד קאנסטרוקשען טרעידס קאונסיל אוו גרעיטער ניו יארק" פרעזידענט גערי לאבארבערא האט געזאגט,** "דאס איז א העכסט-נייטיגער שריט פאראויס אין ברענגען נויטיגע ריינע און באנייבארע ענערגיע צו דער שטאט ניו יארק, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז גוטע יוניאן דזשאבס וואס פירן צו מיטל-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן וועלן בלייבן צענטראל צו דער שטייגער אויף וויאזוי ניו יארק שאפט און ליפערט איר ענערגיע קראפט. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פאקוס און אנטשלאסנקייט צו שאפן פאמיליע-אויסהאלטבארע דזשאבס אלס טייל פון דער סטעיט׳ס אויספירליכע און אמביציעזע פלאן צו טרעפן איר ריינע ענערגיע צילן."

**ניו יארק סטעיט "לעיבארערס ארגענייזינגג פאנד" דירעקטאר דזשאן הוטשינגס האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער קעטי האקול און NYSERDA פאר פארזעצן צו אוואנסירן קריטיש-וויכטיג אינפראסטרוקטור פראיעקטן. די פראיעקטן וועלן פארשנעלערן דער סטעיט׳ס ענדערונג צו רעניועבל ענערגיע און פירן צו הונדערטער קאנסטרוקציע דזשאבס וואס צאלן ארבעטערס א גייענדע וועידזש. די ניו יארק סטעיט לעיבארערס זענען דערמוטיגט דורך גאווערנער האקול׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן א יושר׳דיגע טראנזיציע פאר אונזערע מיטגלידער אין דער צייט וואס דער סטעיט גייט דורך איר טראנזיציע צו א גאנץ-עקאנאמישער ציל פון נעטא-זערא קארבאן עמיסיע ביז 2050."

**דער נאטור קאנסערוואנסי ניו יארק שעף באשיץ און אויסערליכע אנגעלעגנהייטן אפיציר סטוערט גרוסקין האט געזאגט,** "דער נאטור קאנסערוואנסי אפלאדירט גאווערנער קעטי האקול און NYSERDA אויף פארשנעלערן ארבעט איינצופירן ניו יארק׳ס וועגווייזיגע ארבעט קלימאט געזעץ, געצילט אויף צו גרייכן א נעטא-זערא עמיסיע עקאנאמיע ביז 2050. די פראיעקטן וועלן רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג, ברענגען ריינע ענערגיע צו ניו יארק סיטי, און בויען דער באנייבארע ענערגיע עקאנאמיע. מיט גאווערנער האקול׳ס שטארקע פירערשאפט קען ניו יארק זיך נעמען צו דער פראבלעם פון קלימאט ענדערונג און אפהיטן די נאטורליכע רעסורסן אויף וואס מיר פארלאזן זיך אלע."

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 21 ביליאן דאלער אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.2 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז וויניגסטנס 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-עפעקטיווער ציל אויף צו רעדוצירן אנ-סייט ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניצער ענערגיע שפארונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן